# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XIV. No. 9 — 50 CENTS A YEAR — MAY, 1932


## RABBI ALARMED AT THE FAILURE OF JEWISH RELIGION

Many of the Jewish leaders have looked upon the American Jewish youth departing from the Jewish religion with some kind of sorrow. They have tried different ways of interesting the youth in the synagogue. They went so far as to advocate the introduction of worldly amusements in the synagogue. But even that has failed them. Now Rabbi Landman proposed a new idea while addressing the members of the Men's Club at the 8th Avenue Temple of Brooklyn. He thought that the adult Jews are to blame for the deplorable religious condition of the youth. He said in part, "how many times have scoffers brought up questions that you find impossible to answer correctly and logically". The Rabbi thought that if the adult Jews could be educated to answer philosophic and ethical questions that the youth is apt to propound, then the problem will be solved. He said further that the religion must be bolstered by a background of religious education that will enable Jews to explain their beliefs on rational grounds. He therefore urged the adults to attend the Academy for adult Jewish Education run under the auspices of the 8th Avenue Temple. He exclaimed then, "Gird yourselves with an armor of logical reasoning power that will protect you against those who differ with your belief".

### This Is A Very Old Problem

Ever since the Jews entered the promised land, there have been ups and downs in their religion. One has only to read the book of Judges to find how frequently the Jewish people deviated from God's Word and established a religion of their own. They had, according to their mind, a strong background and they used good logic, but they displeased God because they forsook His Word which is the only background and true logic for abiding in the true faith of God. Saul, when he spared Agag, used strong logic in his argument with Samuel, yet God told him through the prophet saying— "for thou hast rejected the word of the Lord, and the Lord hath rejected thee from being king over Israel." 1st Samuel 15:26. And so down through the checkered history of Israel we find about one thousand years later, that the patience of God with Israel was almost exhausted and He says, "Forasmuch as this people draw near me with their mouth, and with their lips do honour me, but have removed their heart far from me, and their fear toward me is taught by the precept of men: Therefore, behold, I will proceed to do a marvellous work among this people, even a marvellous work and a wonder: for the wisdom of their wise men shall perish." Isaiah 29:13.14.

### A Personal Experience

The writer has gone through all those religious vicissitudes in Judaism. He saw that there was no hope for a religion which is based upon opinions and precepts of man. He had for some time a hard spiritual struggle in his own heart, but he turned to God in prayer and God in His mercy started in to lead the writer into such wonderful ways as to see and come to the light. Therefore he now presents to you for the edivication of every Jew who will put his foundation upon the Word of God, the following:-

### My Text

Please turn to 1st Peter 3:15, and find my text, "And be ready always to give an answer to every man that asketh you for a reason of the hope that is in you."

It is important to know why anybody became a Christian, but more especially one who formerly was not only not a Christian, but a rabbi in a Jewish communion, as it was in my case. It is indeed a grave question why I am a Christian. Why have I, once so set against Christians because of the grevious wrongs to our people by so-called Christian nations, now cast my lot with the Christians? Why do I, once so much removed as I was by all the differences of race, history and religious doctrine from this great Christian body, now advocate their dogmas? Why have I, once in the habit of stopping my ears at the mere mention of the name Jesus, now accepted Him as the true Messiah, as my personal Saviour and my Lord, whom I have learned to love, worship and adore?

Thank God, faith in Jesus the Messiah is not a blind belief, but the most reasonable one. It is not a tribal or national religion, for the real Christian is such not because his parents happened to be Christians, who inserted their opinion into the mind of their child, but because he chose that faith, which, having investigated and found that while it assures of things not seen, it is based upon reason. Now, if anyone of all mankind has a reason for being a Christian, I, who am a Jew, must have reasons more peculiar than those of all peoples non-Jewish. There is not a fundamental principle underlying the salvation of Christ but is taught in my Jewish Old Testament. In that imperishable, ever-sacred and my God-given book, in that wonderful book which is my inalienable heritage I find myself condemned as a sinner before God whose holy laws I transgressed. It also teaches me of the necessity of vicarious atonement. "It is the blood that maketh atonement for the soul." Mark you, the blood, and not giving of alms, fasting, praying or observing the Golden Rule, can make atonement. To show the blood's satisfaction for sin, the offerer put his hands upon the victim's head, which represented the actual transfer of sin to the victim. Likewise on the day of atonement, the high priest transferred the sins of the people to the scapegoat which was then sent to the wilderness bearing upon its head the sins of the people. However, on account of insufficiency, these animal sacrifices, pre-figuring the real atonement by the Messiah, had to cease. Thus, later on, came Isaiah, the great Jewish prophet, proclaiming: "And Jehovah hath laid upon Him the iniquity of us all." "Through His stripes we are healed." "If thou wilt make His soul a sin offering" etc. Here is the suffering Christ, my Jewish Messiah. Here was the Jewish prophet foretelling me that since the animal sacrifice ceased, I, as an honest Jew, am shut up to accept Him, the Messiah, for my sin offering!

Do you ask me, how do I know that it refers to Jesus? Well, I can identify Him most positively. Many centuries before the advent of Jesus, the God of my fathers foretold that the Messiah must be God and man together - born of a virgin in Bethlehem, at a certain time, that He should do wonderful works, be poor, meek, suffering, be lifted up - crucified - be mocked, and scorned at, poured out like water, all the bones be out of joint, yet not one of His bones broken, must have vinegar and gall offered Him, His garment must be cast lots for, His side, His hands and feet must be pierced, should die with malefactors, and be buried in the grave of the rich, that He should rise from the dead and ascend into heaven. These, and many other particulars, having taken place with Him, identify Him and confirm my belief in Him beyond any question or doubt. These are the reasons why I, being a Jew, true to the God of Israel, true to the lawgiver Moses, true to my Jewish prophets, I must believe in Jesus, the promised Messiah, my Saviour and Redeemer.



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**


**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

## גרויסע אידען



מיר שטעלען דא דאס בילד און ביאגראפיע פון דעם גרויסען איד הרב אפרים סתם, רב אין טיבעריוס, פאלעסטינא.

אונזער גרויסער איד איז געוועזן א רב בן הרב, ער אליין איז געוועזן רב און זיין פאטער אויך א רב,ביידע אין דער שטאדט טיבעריוס. און זיין שוויגער־פאטער איז געוועזן אויבער ראבינער, אדער רב הכולל" פון יענער געגענד. זייענדיג א חוט המשולש, האבען איהם אלע קלאס מענשען געעהרט און געשעצט. נישט נור אליין אידען, אבער אויך די מאכמאדאנישע וועלט האט איהם גרויס כבוד געגעבען.

מיט קריסטען האט ער להלוטין גארנישט געוואלט האבען צו טהון, ער האט זיי נישט נור איגנארירט אבער אויך גרויס נגישות אנגעטהון וואו ער האט נור געקאנט. איהר פרעגט פארוואס? פשוט ווייל ער האט געהאסט אי ישוע המשיח און אי זיינע נאכ־פאלגער, אזוי ווי אסאך אנדערע פינסטערלינגע האסען זיי בחנם, פשוט ווייל זיי ווילען אזוי.

אלס פרומער רב האט ער ווי געוועהנליך דריי מאל טעגליך געדאבענט און וואו נור ער האט געטראפען א תפלה אין דער שמונה עשרה וואס האט צו טהון מיט ציון ווי למשל "תקע בשופר, ולירושלים עירך, את צמח" אד"ג, האט איהם א קלעם געטהון ביים הארצען בכן, פארוואס זאלען מיר אידען נישט האבען ארץ ישראל וואס איז אונז פארשפראכען געווארען פון גאט ב"ה אליין?

אזוי נאכדענקענדיג איז איהם פלוצים אנגעקומען דער געדאנק וואס די גמרא זאגט אין מסכת יומא דף ט: בכן, דאס ערשטע בהמ"ק איז חרוב געווארען צוליעב עבודה זרה גילוי עריות און שפיכות דמים און דאך זענען אידען געוועזן אין גלות בבל נור 70 יאהר, און דאס צווייטע בהמ"ק איז חרוב געווארען צוליעב שנאת חנם און אידען זענען שוין אין גלות 1900 יאהר, וועלכעס צייגט אז שנאה איז א שרעק־ליכערע עבירה ווי אלע אנדערע, און דאך טראגט זיך אונזער רב נאך אימער ארום מיט אט דער פאר־פעסטעטע שנאה אין זיין הארצען צו ישוע המשיח, בחנם, "על לא חמס עשה ולא מרמה בפיו" (ישעיה נ"ג, 9) וויאויך צו אלע זיינע נאכפאלגער, סיי אידען סיי גוים, טא וויאזוי קאן ער ערווארטען צו זעהן א אידיש ארץ ישראל ווען ער האסט דעם משיח וואס דארף אונז געבען דאס הייליגע לאנד!

דיעזער געדאנק האט אין איהם צושרויפט אלע זיינע רמ"ח אברים און האט ענדליך איינגעזעהן זיין מיזעראבלע לאגע; אבער וויאזוי זיך דערפון צו בעפרייען האט ער להלוטין נישט געוואוסט. איינ־מאל זייענדיג אויף'ן הר הכרמל האט איהם אימיצער א ספר'ל אין דער האנד געשטעקט וועלכעס ער האט געלעזען און דארט אין דעם ביכעלע האט ער געפונען א וועג וויאזוי די שנאה צו בעזייטיגען, נעמליך אנ־צוהויבען צו ליעבען די וועלכע ער האט צופאר געהאסט, און ווען די ליעבע קומט אריין אין הארץ מוז די שנאה במילא ארויס פון דארט. און פאר־וואס צו ליעבען ישוע המשיח האט ער אין דעם ביכעלע געלעזען די אורזאך, נעמליך, ווייל ישוע המשיח האט איהם פריהער געליעבט, געבענדיג זיין לעבען פאר איהם.

אזויבאלד זיינע פריינד האבען געהערט פון זיינע נייע אידעען האבען זיי איהם אלע פארלאזט און איהם א שם געמאכט אז ער איז צוליעב זיין גרויס געלעהרזאמקייט משוגע געווארען. זיין געליעבטע פרוי האט איהם אויך פערלאזט.

אין א געוויסען טאג האבען איהם איינינע באצאהלטע חברה נאכשפיאנירט, איהם געכאפט און איהם אריינגעווארפען אין איין אונטער־אירדישע הייל פון וואו ישוע המשיח האט איהם וואונדערבאר גערעטעט. זיינע שומרים האבען אביסעל אונטער־גע'שיכור'ט און איז פון דעם לעבעדיגען קבר גע־רעטעט געווארען. ער איז אוועק נאך נצרת וואו ער האט עפענטליך באקענט ישוע המשיח אלס זיין גואל צדק.

דאס רבנות האט ער באלד אויפגעגעבען און באלד האט איהם א קריסטליכע געזעלשאפט אנגעבאטען צו ווערען זייער מיסיאנער צו דרש'ענען צו אידען וועגען ישוע המשיח. מ'האט איהם מעהרערע מאל מיט שטיינער באווארפען און אויסגעטיילט צרות אויפ'ן פוד... ער האט אבער אלעם אנגענומען מיט פריידען אז ער האט די זכיה צו ליידען אביסעלע פאר ישוע המשיח וואס האט פאר איהם אסאך מעהר געליטען.

זיין ליעבע צו יעדען מענש איז אזוי בולט געוועזן אז מענשען האבען איהם צוריק אנגעהויבען צו ליעבען און צו עהרען. אין זיין 74 יעהריגען עלטער איז ער אהיים צו זיין גואל, ביי וועלכער געלעגענ־הייט אלע קלאס מענשען, אידען, קריסטען און מאכמעדאנער האבען אין איין קול אויסגערופען "זצ"ל."


שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפס וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאס וועט אייך די אויגען עפענען.

אדרעס:
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.


### OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

BROOKLYN, N. Y.
Beth Sar Shalom
27 Throop Ave., cor. Walton St.

PHILADELPHIA, PA.
Beth Sar Shalom
535 Spruce Street

PITTSBURGH, PA.
Beth Sar Shalom
1861 Rose Street

DETROIT, MICHIGAN
Beth Sar Shalom
7709 Oakland Ave. at Clay

---

### אונזערע מיסיאנען:

איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראק־טאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופ עוועניו

פילאדעלפיא, פא.
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

פיטסבורג, פא.
בית שר שלום
1861 ראוז סטריט

דעטראיט, מישיגען
בית שר שלום
7709 אוקלענד עווע., ביי קלעי

געבען אז ישוע איז דער משיח, האבען זיי אסאך אויסגעפיהרט? עס איז געוועזן ווי עס הייסט אין דער תורה, "וכאשר יענו אתו כן ירבה".

דער צארישער רעזשים האט גענוג געטראטען מיט זיינע דיספאטישע שטיוועל אויף די קעמפפער פון פרייהייט. ער האט זיי געווארפען אין פינסטערע תפיסות אפילו נור פאר רעדען א ווארט וואס דער דיספאט האט נישט געגליכען. דעם רעזולטאט ווייסען מיר אלע, צאריזם האט געהאט א מפלה גדולה. וויל דער רעדאקטאר מיט'ן צאריזם יד אחת מאכען?

און וואס איז געווארען מיט דעם שטאלצען רוים? די רוימער האבען צו יענער צייט נישט געקאנט אפילו הערען פון אידישען גאט, זיי האבען פאראכטעט און פארווארפען דאס אידישע תנ"ך, אבער דורך דער גבורה פון ישוע המשיח האבען די שטאלצע רוימער זיך געבויגען און געבוקט פאר'ן אידישען גאט, פאר דעם הייליגען תנ"ך און פאר ישוע המשיח ית"ש. דאס איז א זאך וואס נאר איין גאט האט געקענט טהון.

יא, מ'מוז זיין טויב און בלינד נישט צו זעהן און צו הערען די אלע פאקטען און נישט צו וויסען אז מ'האט דא צו טהון מיט דעם לעבעדיגען גאט אליין וואס איז איין "ד' איש מלחמה".

צום שלום וועלען מיר נאך איין זאך דערמאנען יענעם קאמפף־לוסטיגען רעדאקטאר, די ווערטער פון דעם גרויסען ר' גמליאל הזקן, ווען זיינע חברים די סנהדרין האבען געוואלט פארניכטען און פארפאלגען די אמונה אין ישוע המשיח האט ער זיי געווארענט און געזאגט: "לאזט אפ און פאסט גוט אויף וואס איהר ווילט טהון, ווייל איז די אמונה נור פון מענשען אויסגעטראכט געווארען, וועט עס במילא צושטערט און פארניכטעט ווערען, אלא איז דיעזע אמונה פון גאט געקומען, קאנט איהר דאס נישט שטערען ווייל זי איז פון גאט און איהר וועט פשוט מלחמה האלטען מיט גאט". (מפעלות השליחים ה, 34-40).

מיר בעטען אייך, אה איהר פארבלענדטער רעדאקטאר, טהוט תשובה און גלויבט אין ישוע המשיח, וועט איהר האבען די ישועה און די נחמה אין אייער הערץ, און איהר וועט אויך האבען אסאך מאטעריאל וואס צו שרייבען אין אייער בלאט.

---

## ראביי לאנדסמאן

דיעזער ראביי האט א רעדע געהאלטען אין דעם גרויסען קאמיוניטי צענטער אין ברוקלין באהויפטענדיג אז די אורזאך פון דער אומרעליגיעזיטעט פון דער היינטיגער אידישער יוגענד אין אמעריקא, געפינט זיך אין זייערע עלטערן, באשר, ווייל די עלטערן זענען איגנאראנץ און קאנען נישט ענטפערען זייערע קינדער פראגען מכח רעליגיאן, דערפאר פארלאזט די יונגווארג די רעליגיאן.

דרויף האט דיעזער ראביי אן אויפרוף געמאכט צו אידען אז זיי זאלען אנהויבען לערנען אויף זייער עלטער די אידישע רעליגיאן. דארט אין צענטער איז פאראן א חדר פאר דעם צוועק, און דער ראביי הייסט אלע ערוואקסענע אידען דארט געהן אין חדר אריין.

דיעזע ערשיינונג איז דוקא קיין פנים חדשות אויף דער אידישער גאס. דיעזע פראבלעמע מצד דער אידישער יוגענד איז שוין לאנג אויף דעם טאגעס־ארדנונג און איז נאך אימער אן אונפארענטפערטע פראגע צו אלע מנהיגים צווישען אידען. מ'האט שוין פארגעשלאגען פארשידענע מיטלען צו דעם איבעל, א טהייל פון זיי האט מען שוין פארזוכט און מ'האט זיי אין פראקטים געשטעלט, זיי האבען זיך אבער געצייגט צו זיין נישט מעהר ווי א זייפען בלאז און א גרויסע ענטוישונג. די יוגענד וויל נישט וויסען פון קיין רעליגיאן.

ענטוישונגען האבען אידען שוין באגעגענט אין זייער לעבען מעהר ווי גענוג, און דאך הערען זיי נישט־אויף צו קומען און מ'ווערט אויפס ניי ענטוישט. ווער געדענקט נישט די צייט ווען די אידישע וועלט האט אזוי שטארק טריאומפירט ווען די רוסישע רעוואלוציע האט שטאטגעפונען, ווי הילכענד און רוישיג איז געוועזן די געשריי פון פריידען און טריאומף פון די אידישע צייטונגען. דער אידישער עולם האט דאס געלייענט און האבען יובעלירט. זיי האבען געוועבט נייע חלומות ארום דעם אקארשט בעפרייטען רוסישען יודענטום, עס איז געוועזן פשוט "אור ליהודים". און וואס הערען מיר איצט מכח יענער פרייהייט? מיר הערען אז די פארפאלגונגען און אונטערדריקונג וואס אידען האבען היינט צו טאג אויסצושטעהן אין יענעם לאנד זענען העפטיגער און פורכטבארער, שוידערליכער און טרויריגער ווי זיי זענען אמאל געוועזן.

עס איז א גרויסע ענטוישונג פאר אלע אידען אין דער וועלט.

יא, אזוי וועט אויך דער ראביי לאנדסמאן ענטוישט ווערען מיט זיינעם פראיעקט אז עלטערע אידען זאלען אנהויבען צו לערנען אויפס ניי די אידישע רעליגיאן כדי די יוגענד אויפצוהאלטען ביי זייער רעליגיאן, ווייל עס זענען דא גענוג אידישע עלטערן וואס קאנען און פארשטעהען די אידישע רעליגיאן און דאך זענען זייערע קינדער אזוי ווייט פון רעליגיאן כרחוק מזרח ממערב.

פארוואס איז דאס אבער אזוי? מ'קאן נישט זאגען אז די פיהרערס זענען נישט קלוג גענוג, און לויט זייער מיינונג ווילען זיי דאך גוטעס אויפטהון, טא פארוואסזשע זאלען די ענטוישונגען אימער צו זיי קומען?

אבער הערט מיט קאפ און מיט הערץ וועט איהר פארשטעהן די גאנצע סיטואציע. די אידישע פראבלעמען וואלטען באלד געלעזט געווארען ווען אידען זאלען גרינדען זייער רעליגיאן אויף גאטס ווארט און נישט אויף זייערע אייגענע טראדיציאנען און פון מענשען אויסגעטראכטע לעהרע.

גאט ב"ה פרעגט אין ירמיה ח': "איכה תאמרו חכמים אנחנו—ד"ה, וויאזוי קאנט איהר אידען אייך באריהמען אז איהר זענט קלוג און וויאזוי קאנט איהר זאגען "תורת ד' אתנו", אז איהר האט גאטס תורה, "אכן הנה לשקר עשה עט שקר ספרים", ד"ה, זעהט נור איהר אידען אז דאס וואס איהר האלט אלס א רעליגיאן איז גאר א שקר וואס שרייבערלעך האבען באנוצט זייער שרייבעכץ צו פאלשקייט. דאס איז עפעס אזא שטעכעדיגער אויסדרוק און אזא פאטש אין פנים פאר דער מאדערנער אידישער רעליגיאן אז אפילו א קאזאק וואלט באדארפט רויט ווערען פאר חרפה.

ווייטער זאגט דארט גאט ב"ה: "הובשו חכמים חתו וילכדו", ד"ה, שעהמט אייך איהר גרויסע חכמים, איהר זענט צובראכען און געפאנגען געווארען, ווייל "הנה בדבר ד' מאסו וחכמה מה להם", ד"ה, זיי האבען פארווארפען גאטס ווארט און זיי האבען א חכמה וואס איז א גארנישט.

אט דא זענען מיר געקומען צום פונקט. אלע אומגליקען און צרות וואס זענען געקומען צום אידישען פאלק, קאנען נאכגעשפורט ווערען ביז צו דער אריגינעלער קוועלע, דאס איז, צום פערווארפען גאטס ווארט וועלכעס האט אויך במילא געפיהרט צו דעם פערווארפען פון אונזער הייליגען משיח אויף וועם גאטס ווארט האט אונז אהין געוויזען. אזויבאלד דאס איז געשעהן האט גאט באלד געגעבען דעם כח צו די שלעכטע גוים, די רוימער, אז זיי זאלען צושטערען דאס בית המקדש און אויס־צוקוילען מיליאנען אידען דורך קרייציגונגען און כל־ערליי מיתות אכזריות. זיי האבען פארקויפט עדעלע אידישע יונגע לייט און אידישע טעכטער פאר שקלאפען אלץ ווייל אונזערע אידען האבען זיך געשאפען א נייע רעליגיאן, פון מענשען אויסגעטראכט, און זיי האבען נישט געוואלט הערען גאטס ווארט וועלכעס איז געקומען דירעקט פון הימעל זאגענדיג: "זה בני ידידי בו רצתה נפשי אליו תשמעון", אונזערע עלטערן האבען זיך אבער ליבערשט געלאזט פארפיהרען פון שטן און האבען גאטס ווארט פארווארפען און דערמיט אויך דעם הייליגען משיח.

דאס אידישע יונגע דור באמערקט דאס און זעהט אז היינטיגע אידען האבען עפעס א מין רעליגיאן וואס איז נישט לויט גאטס תורה. עס זענען פאראן אזאלכע יונגע לייט וואס כאפען־אויף איינינע פונקטען און בעווייזען דאס צו אנדערע אז אידען האלטען נית די רעליגיאן לויט עס איז געשריבען אין דער תורה. צב"ש דער אמעריקאנער יונגערמאן קאן נישט פארשטיין וויאזוי אידען קענען זיך און גאט אבנארען מיט דעם מכירת חמץ.

ער קאן נישט בעגרייפען וויאזוי א פרומער איד וואס וויל נישט אין הויז פייער מאכען אום שבת, דינגט ער א גוי און הייסט איהם פייער מאכען. דער גוי ווערט דערמיט דעם איד'ס משרת און גאט האט באפוילען אז דעם איד'ס משרת זאל אויך רוהען און נישט ארבייטען אום שבת.

ער קאן אויך נישט פארשטעהן פארוואס די ציוניסטען וואס האלטען נישט פון קיין רעליגיאן און דאך ווערען זיי געשטיצט פון אלע אידען.

און ווידער קאן ער נישט פארשטעהן פארוואס יענע אידען וואס בעארבייטען די ערד אין ארץ ישראל ווילען נישט האלטען פון "שמיטה" און פון "יובל" וואס גאט האט געבאטען אין דער תורה. די ציוניסטישע פיהרער האבען כלומרשט געזאגט אז בכן, יענע געזעצען פון דער תורה האבען שוין לאנג אויפגעהערט.

באמערקענדיג אזאלכע פונקטען בלייבט דער אידישער יונגערמאן שטעהן און בלייבט לגמרי צוריק פון דער רעליגיאן. ראביי לאנדסמאן'ס עצה איז דערפאר גארנישט ווערטה. זאל דער ראביי צוערשט ציינען דער וועלט אז ער האלט גאטס ווארט וועלכעס הייסט גלויבען אין ישוע המשיח וועלכער איז געקומען צו זיין א קרבן פאר אונזערע זינד און דאן וועט ער אויך די יוגענד קענען פיהרען צו דער ריכטיגער רעליגיאן וואס איז באזירט אויף גאטס ווארט, נעמליך די רעליגיאן אין ישוע המשיח, און דאן וועלען מעהר נישט זיין אזאלכע העפטיגע ענטוישונגען אין אידישען לאגער און אין דער אידישער גאס.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאָנאַטליך בלאַט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.

VOL. XIV. No. 9 | 50 CENTS A YEAR | MAY, 1932

## אידישע רעדאַקטאָרס און מיסיאָנערן

מיר האָבען שוין מעהרערע מאָל אויפמערקזאם געמאַכט אונזערע ווערטהע לעזער אויף דעם פאַקט וואָס אידישע רעדאַקטאָרס טראַכטען בייזוויליג אוים כל׳ערליי שקרים און פאַלשע בלבולים אויף אידישע מיסיאָנערן.

דוכט זיך, ווען מ׳בעווייזט איינעם אז ער האָט געזאָגט א געמיינעם און אומגעלומפּערטען שקר, וואָלט ער לכל הפּחות בעדאַרפט אביסעל בושה האָבען און זיין א "מודה ועוזב ירוחם". ניט אזוי איז עס אָבער מיט מאַנכע אידישע רעדאַקטאָרס. אין זייער דיקשיאָנערי איז אזא וואָרט ווי "בושה" בכלל נישט פאַראַנען. זיי שטעלען זיך לגמרי אויף גאָר נישט אָב, נייערט האַלטען אין איין פאַבריצירען שקרים און פאַלשקייטען.

זיי זענען עפּעס ווי יענע אפּיקורסים וואָס לייקענען אָפּ די תורה ווייל זיי דענקען אז עס איז קיינמאָל נישט געווען אַן אסתר המלכה פון וועלכע די תורה דערצעהלט אונז, אָדער ווייל עס איז קיינמאָל נישט געווען עפּעס אזא מין פיש וואָס האָט געקאָנט איינשלינגען א יונה הנביא. בעווייזט מען זיי אָבער פון היסטאָרישע פאַקטען, אז די זאַכען זענען יאָ אמת, בלייבען זיי אויך דאַן כמצח אשה זונה אָהן בושה, און ווילען נישט זייערע נאַרישע אידיאָטישע מיינונגען אָבלאָזען.

מיט אונגעפעהר א וואָך צוריק האָט זיך פאַרגלוסט אזא מין סאָרט רעדאַקטאָר א שוואַרצען רעפּאָרט אריינצושטעלען אין א געוויסע אידישע צייטונג, בכן, אז מיסיאָנערן קויפען אונטער אלע די וואָס קומען צו די מיסיאָנערישע פערזאַמלונגען און דאַן פּובליצירען זיי אלע נעמען פון זייערע באַזוכער. לעזענדיג דיעזען נייע־געבאַקענעם שקר, האָט א איד ארויסגעטריבען זיין עדעלע געבילדעטע טאָכטער פון הויז, אלץ ווייל זי גלויבט אין ישוע המשיח און געהט צו מיסיאָנערישע פערזאַמלונגען. דער פאָטער האָט דוקא גרויס רעספּעקט פאַר זיין טאָכטער, וועלכע איז זעלבסטשטענדיג און האַלט א פעראַנטוואָרטליכע שטעלע אונטער איהר קאָנטראָל, און דאָך, אזויבאַלד ער האָט דעם פערזשאַווערטען שקר פון דעם שוואַרצען רעדאַקטאָר געלעזען, האָט ער זיין איינען קינד פון הויז ארויסגעטריבען.

עס איז באמת שווער צו בעגרייפען דעם קראַנקען שכל פון אזא רעדאַקטאָר. וואָסאַרא צוועק האָט ער גאָר אין אזאַלכע אומגעלומפּערטע פאַלשע רעפּאָרטען וועגען מיסיאָנערן? טהוט ער דאָס ווייל ער האָט קיין אַנדער מאַטעריאַל אויסצופילען די קאָלומס פון זיין בלאַט, אָדער מיינט ער פּשוט אונטערצודריקען די טעטיגקייטען און דעם גלויבען פון די מיסיאָנערן? ווען ער מיינט דערמיט אונטערצודריקען און צו באַקעמפּפען די מיסיאָנערן דאַן הייסט דאָך דאָס "מעשה באָלשעוויק", מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואָס די באָלשעוויקעס ווילען אונטערדריקען אלע רעליגיאָנען און ער, דער גענאַנטער רעדאַקטאָר, קאָנצענטרירט זיין שלאַנגען גיפט נור געגען דת המשיחי.

מיר פרעגען דאָ אין אַלער אויפריכטיגקייט, וויאזוי קאָן דער רעדאַקטאָר זיין אזוי איגנאָראַנט צו דענקען אז ער קאָן זיך ענטגעגען שטעלען דעם רעליגיעזען געפיהל וועלכער קומט צו א מענש ווי א טיעף רעטעניש און בעוועגט איהם צו גלויבען אין ישוע המשיח? קאָן דען נישט יעדער וואָס האָט נור געלעזען וועלט געשיכטע, איינזעהען אז דיעזער גלויבען אין ישוע המשיח איז אַן אָפענבאַרונג, אַן ענטפּלעקונג, פון גאָט ב"ה אליין, וועלכער בעוועגט דעם מענש נאָכצופאָלגען און צו גלויבען אין ישוע המשיח ווייל "כה אמר ד׳".

אדרבא פאַרזוכט צו עקספּליצירען דיעזע מיסטעריעזע אמונה אין ישוע המשיח אויף א נאַטירליכען אופן אויב איהר קענט!

עס איז אין אלגעמיין גוט בעקאַנט צווישען פּסיכאָלאָגיסטען און פילאָזאָפען, אז די אָריגינעלע ענטשטעהונג פון רעליגיאָן איז א פּשוט׳ע התגלות אלהים. דער מענש איז אזוי סודות׳דיג צוזאַמענגעשטעלט אז די גאַנצע שטימונג פון א בשר ודם איז לגמרי באַהערשט פון א רעליגיעזען געפיהל. פון וואָס האָט זיך אָבער דער געפיהל ענטוויקעלט ווען עס זאָל נישט געווען זיין די געטליכע גאָבע דרין. פונקט אזוי ווי דאָס מענשליכע אויג אָדער די צונג, וואָס קאָן זעהן און רעדען, וועלכעס איז גאָט׳ס מתנה צום מענש, אויך אזוי האָט גאָט אריינגעשטעלט אין מענשען א מין שטרעבען נאָך סאָציאַלע גערעכטיגקייט און נאָך א געוויסען סטאַנדאַרד פון מאָראַליטעט און עהרליכקייט. יאָ, דאָס איז רעליגיאָן אין אלגעמיין. אָבער דער גלויבען אין ישוע המשיח איבערטרעפט אלע אַנדערע רעליגיאָנען ווייל דורך דיעזער רעליגיאָן האָט גאָט אויפגעעפענט א וועג פאַר אלע מענשען, צו ווערען דורך ישוע המשיח געטליך געזונען און אַנגערופען צו ווערען "בני אלהים".

מיר אונטערשטרייכען דאָס נאָכאַמאָל — אז צוליעב דעם איז ישוע המשיח געקומען מיט איבער 1900 יאָהר צוריק נאָך ירושלים, זיך מקריב געווען אלס א קרבן חטאת כדי יעדען וואָס גלויבט אין איהם צוריק צו פעראייניגען מיט גאָט און איהם שטעלען אויף דערזעלבער מדרגה ווי אדם הראשון איז געשטאַנען איידער ער האָט געזינדיגט.

דער גלויבען אין ישוע המשיח איז אזוי פּלוצים געקומען אין דער וועלט און אזוי חדוש׳ליך פּונקט ווי וואונדערבאַר און פּלוצים גאָט ב"ה אליין איז געקומען אויפ׳ן באַרג סיני און דאָרט געוויזען זיינע גרויסע וואונדער.

ווער וואָלט דען גאָר קענען גלויבען מיט 1900 יאָהר צוריק ווען ישוע המשיח איז געקומען נאָך ירושלים אלס אַן אָרעמער אידישער יונגערמאַן, אָהן געלד, אָהן מענשליכע גבורה און אָהן געזעלשאַפטליכען איינפלוס, יאָ, ווער וואָלט דאַמאָלס געקענט זאָגען אז דער איינזאַמער דריי און דרייסיג יעהריגער אידישער יונגערמאַן וועט אמאָל זיין דער גייסטיגער פיהרער פון 500 מיליאָנען מענשען פון דער איצטיגער צייט?

וויאזוי קאָן א אידישער רעדאַקטאָר גאָר פאַרשטעהן אויף א נאַטירליכען אופן אזא וואונדערבאַרע ענטוויקלונג וואָס איז קיינמאָל צופאָר נישט געווען און קיינמאָל נאָכהער עד היום הזה? וויל זיך אזא רעדאַקטאָר, א בשר ודם, עפר ואפר, זיך וואָגען געגען צו שטעלען דיעזע רעליגיאָן וועלכע איז דירעקט געקומען פון גאָט אליין, צו אלע מענשען, איד און גוי, שוואַרץ און ווייס, רייך און אָרעם, ווייל אלע האָבען געזינדיגט און אלע ברויכען דאָס קרבן המשיח כדי מכפּר צו זיין פאַר אונזערע זינד אזוי ווי עס הייסט "כי הדם הוא בנפש יכפּר".

וויל זיך יענער רעדאַקטאָר געגען־שטעלען גאָט אליין וועלכער האָט דאָס אלעס געפּלאַנט און צושטאַנד געבראַכט? דאַן זייט וויסען פאַניע רעדאַקטאָר אז אייערע פאַרזוכטע אונטערדריקונג האָט א פאַרקעהרטע ווירקונג. די סנהדרין און די פּרושים פון יענער צייט האָבען אויך געזוכט אונטערצודריקען דיעזע אמונה אין ישוע המשיח, זיי האָבען אויך צוזאַם גענומען אלע שוואַרצע כחות און זיך געגען געשטעלט גאָט ב"ה וועלכער האָט זיין חותם גע־

Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews. 27 Throop Ave., Brooklyn. N. Y.